# דיא כלה פון מאראקא

## אדער

## דיא פיינדליכע ברידער

דאס איזט איינע גישיכטע וואס האט זיך גיטראפין
בייא דיא פרייע מאראקאנישע יודין וואס וואוינען
דארט לעבין דער מדבר זאהרא ; דיזע גישיכטע איז
שרעקליך ; אונ הערליך ; זיא איז צימליך אונ זים ;
אונ אויך וואר אונ גיוויס ; אונ אזו וואונדערליך שיין ;
דאש יעדעם הערץ וועט דער פון וויא וואסער צוא
גיין ; דען זיא וועט ווערין גירירט ; פון דעם וואש
האט דארט פאסירט :

**ווילנא**

בדפוס ר' יוסף ראובן בר' מנחם מן ראם

שנת תרכ"ח לפ"ק

ДИ КАЛА ФОНЪ МАРОКО ОДЕРЪ
ДИ ФЕЙНДЛИХЕ БРИДЕРЪ,

т. е.

Марокканская невѣста или Враждебные братья.

ВИЛЬНА. Въ типографіи Р. М. Ромма. 1868 г.
На жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ
домахъ подъ №№ 327 и 328.

1/68280

זה כארבעים וחמש שנה) עס וועט זיין איין ערך פון איאר פינף אונ פערציג דאש עס האט זיך גיהערט אין גאנץ אייראפא דאש עס גייט איין אידעשער מלכות מיט זייער פיל חיל אונ איז זייער מצליח אין זייגע מלחמות וואש ער האלט מיט דיא ווילדע אומות פון אפריקא · דיזע שמועה וואר גידרוקט דאן אין אלע צייטונגען אונ ביזונדר אין דיא האמבורגער · אונ עס האט מרעיש גיוועזן אלע לענדער · אזוי וויט דאס עס האט גימאכט איין גרויסין איינדרוק אויף דיא גרוישע בערזען · אונ דער קרעדיט האט דורך דעם זייער שטארק גיליטין · נון האבין דאן אמייל אין דעם גיגלייבט אונ אמייל האבין עס גיהאלטין נור פאר איין אויס גידיינטקע זאך (קאזאלע) וואס דיא צייטונג שרייבער האבין עס זעלבסט אויס גיטראכט אום זיך צוא לוסטיג מאכין איבער אידין · ליגנער האבין דאן גיהאט פרנסה איבער דעם האלדז · אונ האבין דער צײלט גוזמות אונ נפלאות גאר אן אשיעור אונ אן איין ערך · אונ ווייל דיא פערפאסער (מחברים) פון אזעלכע נייעקייטין וואדען איבער הויפט ליידיג גייער · קלויזנער-מלמדים וואס כלארען זיך שטענדיג אין פאנטאפיל האט מען עס דאמאלס אנאמען גיגעבין, פאנטאפלאנגע נאזעטע, עס ווארין אנדערע אזו וויט פאר קאכט אין דעם אונ אזו ווייט גיגלויבט · דאש זייא האבין פאר לאזין זייערע גישעפטין · אונ פלעגין קוים דער לעבין אנייעם פאצטאג אום צוא הערין וואש דיא נייע צייטונג שרייבט · אונ ווידער וואש מען שרייבט פון אנדערע שטעט וועגין דעם · אונ וויא מיר ווייסין דאש דער מענטש זעהט אונ הערט אין דער וועלט נור וואש ער וויל זעהען אונ הערין · ווייל דיא וועלט איז נור איין שפיגעל וואש עס שפיגעט



Дозволено Цензурою 12 Іюля 1868, г. Вильна.

זיך אין איר אפ יעדער דמיון (פאנטאזיע) האבן דיזע לייטע אויך אלע טאג גיזעהען אונ גיהערט · נור אזעלכע מופתים אונ ידיעות וואש האט מסבב גיוועזן נור צוא זייער פאנטאזיע · אונ האבן דער ציילט אימער וואונדער · אונ נסים · עטליכע מאל אין דיא זון אונטער גיגאנגען בייא דיא מיט אפאר שטונדין שפעטער אלס בייא יענע וואש האבן אין דיא קאזאלעם נים גיגלויבט · אונ האבן גיזאגט דאש איז נור ווייל דער אידעשער מלכות האלט יעצט מלחמה מיט דיא אומות · שטייט דאהער דיא זון אונ פאר זאמט זיך וויא אין דיא צייטין פון יהושע · ביז ער וועט זיך נוקם זיין אן זיינע שונאים · אונ וויא דער שפריכווארט: <אבי באלאטא אצארט בודזע> דאש הייסט זאל נור זיין אזומפ וועט זיך שוין דארט גיפינען אמייזעל · אזו איז דא אויך גישעהען ביז איין האר · דען צוא דיזער צאווענדע וואש האט מער אלס איינע האלבע וועלט דעם קאפ פאר דרייט · האט זיך גיפונען איין באטריגער איין גיוויסער ריישעסער אידעל · וואש דיא וועלט האט אים גירופין „דער קרימער איד„ אונ האט זיך אויש גיגעבין פאר איין גיזאנדעטען פון דעם אידעשין מלכות צוא גאנץ אראפא · דיזער בעטריגער האט דא אין אונזער שטאט דאמאלס מרעיש עולם גיוועזן · מען האט אים גיהאלטין פאר דעם גרעסטין בעל מופת · אונ מען האט דער ציילט פון אים וואונדער איבער וואונדער · גליקליך ווער יענער וואש האט אים גיזעהען · גיהערט זיינע דבורים · בערירט זיין קלייד · אונ מען איז נאך גילאפין שטייעם וויים · דיא גרוישע רבנים האבן פון אים ניט גיהאלטין דען ער איז גיוועזן באמת אפראסטאק · דאך בייא דעם המון עם וואר ער איין קדוש · ער האט זייא גינומען נאר מיט חסידעשע זאכין · מיט אשארפין קדוש · מיט אהייסין אונ זודיקען דאווינען · קורץ דער פון עם איז פון דיזעם מענטשין צוא שרייבין אונ צוא שרייבין כמה וכמה

ביכער



5

ביכער ○) · אונ ווייל איך איילע מיך צוא דער גישיכטע פון דיא פיינדליכען ברידער · דאהער קען איך דא זאגין פון אים נור דאש ער איז אהעק דער נאך פון היר מיט חרפות וביושים · דען מען האט זיך לסוף ארום גיזעהען דאש ער איז אקל שבקלים · אונ זיינע מאמינים · אטייל האבן אפ גיוויכט דיא וואנצעס · אונ אטייל זיינען פאר קראכין אין דיא מיזעלעכער · אונ האבן ערסט מודה גיוועזן על האמת אלס זייער קדוש האט אן גיהייבין צוא מאכין פאלשע גדאנאסין אונ אנדערע באטריגערייען · אונ האט דורך דעם פאסירט דיא לאנגע שטראזע (דאש הייסט נאך זיביר גיגאנגען) אונ דיא זאך איז צוא וואסער גיווארין (דאש הייסט אויש גילאזין זיך מיט גאר ניסט) :

ובבל אלה) אונ דאך וואר דער יסוד פון דיזער שמועה מעהר וואר אלס ליגין · עס האט ווירקליך אין יענער צייט גישטריטין איין אידעשער אדער איזראעליטעשער נשיא גדען וואש האט אונטער זיך בערך אכט מאל הונדערט טויזינד אראבישע יודין ○○) זייא וואונען דארט אין דיא גרוישע וויסטעניא (מדבר) וואש גרענעצט זיך

NB

○) איך האב דיזען מענטשין באשריבין אין אבאזונדער ווערקיל אונטער דעם טיטיל „דער קרימער איד„ אונ ווייל עס לעבין נאך גרוישע מענטשין וואש ווארין פון זיינע מאמינים וויל איך עס צום דרוק ניט בריינגען :

○○) דאש אלעס האב איך ארויש גינומען מיט אקיצור גדול פון דעם בוך וואש דער שפאניר זעראפין האט ניט לאנג גימאכט איבער מאראקא · אונ איז גיווארין גידרוקט אין מאדריד · דיזע פרייע יודין האלטין אונ ווייסין מער ניט וויא פון תורת משה אליין · אונ זיינען זיך ניט מתחתן מיט דיא ראבינעשע (תורנים רבנים) וואש וואונען דארט אין די שטעט אונ וואס זייען בשפלות גדולה · ווער זייא זיינען · פון וועלכין שבט · אונ וויא אזו זייא קומען אהין · איז ניט דער ארט דא צוא ריידין דער פון ;

Serafin's book on Morocco published in Madrid

זיך מיט דער זאמד וויסטעניא זאהרא · האבין פון אייביג אן
זייער אייגענעם נשיא וואש הייסט איטער נדען · אונ ווערין אן
גירופין איטער דיא פרייע איזראעליטען (ישראלים) · זייא זיינען
אלע גרוישע בעלי מלחמות · דען וויא איין קינד איז נור אלט
צעהען יאר פאר שטייט ער שוין גוט צוא רייטין אונ צוא שיסין ·
זייא לעבין נור פון פיהעצוכט (אנשי מקנה · אדער פון סקאטע
וואדסטווא) אונ ציהען מיט זייערע העדרען (שטאדעם) פון איין
ארט צוא דעם אנדערין ארט · ריידין דיא אראבישע שפראך זייער
ריין · אונ דיא נשיאות איז ביא זייא ערבליך · דאש הייסט זיא
גייט איבער ביא זייא פון פאטער צום זון · דאך אבער ביא
יעדעם מאל ווען עס ווערט ביא זייא אנייער נשיא שיקען זייא
איין פרעזענט דעם קייסר פון מאראקא דאס ער זאל איהם
בעשטעטיגין · אונ דאס איז נור איין בלויזער מנהג פון הקדמוה
דנא · אונ ווייטער האט ער אויף זייא גאר ניט צו שאפין אונ ניט
צו זאגין · אונ אזו האט זיך דארט גיפירט פון אנדרייאנקליגע צייטן
ביז עס האט זיך גיטראפין דיא גישיכטע פון דיא פיינדליכע ברידר
דארט ביא זייא וואס דורך דעם איז גיווארין גרויס מחלוקת צווישי
זייא · דען יעדער ברודער האט גיהאט איין באזונדערין צד פאר
זיך · אונ עס וואר ביא זייא אצייט מיט יארין חרב איש ברעהו
נון האט איין צד גערופין דעם מאראקאנישען סולטאן צוא הילף
אונ דאס ענדעדר פון וואר דאס נאך דעם וויא דיא ביידע ברידעו
זיינען אום גיקומען האט דער מאראקאנישער סולטאן אן גיהייבי
מושל צוא זיין איבער זייא וויא פרעה אמאל איבער דיא יודין אי
מצרים · אונ דאס האט אזו גידויערט אסך מיט יארין ביז אי
דעם יאר אכט הונדערט פופצעהן · האט זיך מתגבר גיוועזן איי 1815
געוויסער יונגער מאן פון דער משפחת הנשיאים וואס ער האט
גיהייסין שמיר · אונ האט געשטריטין מיט דיא מאראקאנער וויא
איין גרויסער העלד · ער האט זייא שטארק גישלאגין עטליכי
מאל אין איינעם יאר האט באפרייעט זיין פאלק וויא גיוועזן · אונ
האט



האט נאך ביא דעם סולטאן אוים גיהייבין מאנכע רעכטין וואש
איז נייטיג צו זייערע ווידע פלעצער · אונ זיינען גיבליבין פרייא
ביז דיזין טאג · נון דיזע מלחמות ווארין דאן דיא וואהרע אורזאכע
פון דער שמועה דאש איין אידעשער מלכות גייט · אונ איצונד
וויל איך אן הייבין צוא דער ציילין דיא גישיכטע פון די פיינדליכע
ברידער : ערסטינס ווייל זיא איז דאך איינע אידעשע גישיכטע ·
אונ צווייטינס איז זיא זייער שיין אונ דער צוא אויך זייער
מוראליש · דאש הייסט מוסרדיק :

זה מאה ועשרים שנה) עס איז שוין אייאר הונדערט אונ
צוואנציג דאש עס האט רעגירט ביא דיא פרייע מאראקאנישע
יודין איין גיוויסער פירסט (נשיא) וואש מען האט איהם גירופין
נדען צאפארי · ער וואר איין מעכטיגער הער · אונ איין בראווער
מאן · אין זיינער צייט פלעגין דיא קאראוואנען (אבאזען) פון
אלערי האנד פעלקער דורך רייזין דורך זיין לאנד זייער רוהיג אונ
פרידליך · אונ האט ביא קיינעם קיין פרין גינומען (קאנטרעבוציע) ·
אויך האט ער פאר באטין דעם שקלאווין האנדעל ביא זיך אין
זיין רעגירונג · אונ וואר גינעדיג צוא יעדין מענטשין · דען ער
פלעגט זיך ניט ארין מישין מיט דעם שווערד אין אפרעמדע
מחלוקתו וואש עס פלעגט זיך צוא מאכין צווישין דיא אראבישע
שטעמע (שבטים) אונ צוא נעמען געלט דער פאר וויא דיא
פריהערע נשיאים פלעגין עס צוא טאן · נאר ער פלעגט זיך נור
ארין מישען מיט זיינע פרידליכע אונ פריינדליכע ווערטער אונ
פלעגט צוא מאכין צווישין זייא איין אייביגין פרידען אויש הויכע
פריינדשאפט · נון וואר ער גיליבט · גישעצט אונ גיערט פון
יעדערין דאש מען האט איהם גירופין פרידענס פירסט (שר שלום) ·
אונ דאך מאכענד שלום אין זיין גאנצעם לאנד אונ ארום זיך וואר
דער גרעסטער אום שלום ביא איהם אין שטוב · דען ער האט
מער ניט וויא צווייא זין גיהאט · אהוד אונ עשהאל אצווילונג ·
ביידע בליהענד אונ שיין וויא דער מארגען שטערין גוט פאר
אל עמען

אלטען וויא דער פאטער זעלבסט אונ צווישן זיך וואָרין זייא דיא גרעסטע שונאים ・ דען יעדער פון זייא האט זיך גירעכינט פאר דעם כבוד אונ האט גיוואלט אונ גיהאפט צוא ווערין אמאל דער נשיא ・ אונ אזו אויך וואש איינעם איז גאר גיפעלין ・ האט שוין דער אנדערער אויך דער צוא לוסט באקומען ・ דאהער פלעגט שוין אין יעדין טאג זיין איינע באזונדערע אורזאכע (סבה) פאר וואש זיך צוא צאנקען אונ צוא קריגין ・ דאך אבער כל זמן דער פאטער האט גילעבט האבין זייא ניט גיטארט נעכטיגן אונטער איין דאך ・ האבין ניט גיטארט צוא זיין איינער צוא דעם אנדערין גיוואפינט ・ דורך דעם אבער האט זיך דער גלוט פון זייער האס ניט איין גילאסין ・ דען קוים איז דער פאטער גישטארבין אונ זייא ווארין אלט דאן צוא צווייא אונ צוואנציג יאר ・ האבן זיך דיא שנאה ארויש גיכאפט וויא דיא איין גיפרעסטע פלאמע דורך איין פלעצליך גיעפענטין קוימען ・ יעדער פון זייא ביידין האט באקומען איין פארטייא וואש האט גיהאלטין פאר איהם ・ אונ אזו איז גיווארין דאש גאנצע לאנד גיטיילט אין צווייא צדדים אונ עס איז פאר גאסין גיווארין בלוט טייכין וויים :

ואביהם) אונ זייער פאטער וואש ער האט פאר אויש גיזעהען דאש נאך זיין טויט קען דא אין לאנד גרוישע אום רוהיקייטין ווערין ・ האט ער גילאזין צוואה דאש כל זמן זיין ווייב צפורה וואש זיא איז זייער מוטער וועט לעבין זאל זיא רעגירין ・ אונ דער נאך פאר איר טויט וועמען זיא וועט נור אויש ווילין דער זאל בלייבין דער נשיא ・ ער האט עס אזו גיטאן דאמיט דיא מוטער זאל נאך גינוג צייט האבין זייא צוא פאר איינען ・ דען דער שפריכווארט זאגט צייט גיוואונען ・ איז אלץ גיוואונען :

ויהי) אונ עש וואר אלס זיא האט זיך אום גיקערט פון איר מאנס באגרעבעניס מיט אלע איהרע שרים (אפיצירין) ・ האט זיא צוא זאמען גירופין צוא זיך אין פאלאץ אלע זקנים אונ ראשים ・ אונ האט צוא זייא אזו גיזאגט ・ עס איז ערשט קוים צעהען טאג

דאס



דאש מיין מאן אייער נשיא איז טויט ・ אונ שוין האט דער שווערד טויזינדע אלמנות אונ יתומים אן גימאכט ・ צייט מיין מאן האט רעגירט ביי איך האט קיין איינציגער טראפין בלוט אונזער ערד בעפייכטעט ・ נון ווארום זאל עס איצונד אנדערש זיין ・ פאלט דער אקס פעלט שוין ניט קיין שוחטים ・ זאל עס נאך אפאר וואכין דויערין וועלין אונזערע שבטים וואס וואָרען ביז אהער אונזערע בעסטע גוטע פריינד ・ ווייל אונזערע אחדות אונ זיינע קלוגהייט האט זייא אין צוים גיהאלטין ・ וועלין זיי איבר אונז איבער פאלין אונ וועלין אונז אויף עסין וויא איין אקס עסט אפ דאש גרינע גראז פון פעלד ・ נון מיינע טייערע לאנדס לייטע גיהארכט אייערע רעגענטין (פירסטין) ・ דען מיך האט מיין מאן בעפוילין איבער איך צוא רעגירין ・ אונ שטעקט אייערע שווערד אין אייערע שיידין ・ פאר גיסט ניט אייער בלוט אומזיסט ・ איך אלס צארטע (ווייבע) מוטער וועל אום פירען אנטקעגין מיינע ביידע זין וואש זייער הארטער פאטער האט עס ניט פאר יאגט ・ ציהעט אין פרידין נאך אייערע הייזער ווידעט אייערע העדרין ・ אונ איך אייער רעגענטין וועל איך מיט מיינע ביידע זין שיצין אונ היטין ・ מעכטיג איז דער שווערד ・ שטארק איז דער בוזין ・ איין פעסטער שילד אבר איז דער פרידען :

הדברים האלה) דיזע רייד האבן זייער שטארק גיווירקט אויף זייערע גימיטער ・ אונ האבין איר צוא גישווארין אייביגע טרייהייט אונ אייביגין פרידין ・ אונ ארין שטעקענדיק די שווערדין אין דיא שיידין טוענדיג א נדר דאס זייא זאלין עש נימער ארויס ציהען מער ניט וויא אנקעגין זאגראניצנעם פיינד ・ זיינען זייא זיך אוועק יעדער בשלום אהיים אונ דאן האט זיא גישיקט נאך איהרע ביידע קינדער אהוד אונ עשהאל אונ האט צו זייא אזו גישפראכין ・

אביכם) אייער פאטער דער מעכטיגער איז שוין טויט ・ דאס לאנד איז גיבליבין וויא איינע העדרע (שטאדע) אין דר וויסטעניא (מדבר) צווישן ווילדע חיות וואס עס ווידעט איר נור איין שוואכע

פרויא

פרויא · אונ דאס בין איך אייערע פארקימערטע מוטער · צוויא טעכטיגע זין האט אייער פאטער גילאזין · יעדער באזונדער פון איך איזט ווירדיג צוא זיין איין לאנד רעגירער · אונ דאך האט ער ניט איינעם פון איך ביידין ווירדיג גיהאלטין דאס ער זאל נאך אים הערשין · דען ווער עם פאר שטייט ניט קיין פרידין · ווערט פון אלע עהרען אוים גנעמידין · דאהער האט ער מיך אייער מוטער גימאכט פאר איינע רעגענטין (פיהרעריןָ) ביז עם ווערט מיר גליקין איך צוא פאר איינען · אדער ביז איך וועל מיינע יארין אויש לעבין · דאמיט איך זאל ניט זעהען פאר מיינעם לעבין וויא אונזער שטאט (שבט) ווערט דורך אייער אונשלום אונטער גיין · דען מיינע רוהע וואר טייער אין זיינע אויגין · נון מיינע טייערע קינדער · פאלגט אייער מוטער וואס ליבט איך מיט גלייכער ליבע שוינט איהרע שמערצין · ער בארעמט איך איבער אייער לאנד · פאר איינגט אייערע קרעפטין בעסער אייער לאנד צוא פערהיטען אלם איר צו פרודארבין זיא גהערט איך ביידין · אונ איהר ביידע גיהערט איהר · איר מוזט זיא שיצען אונ היטין · דאהער ווען נאך איין טראפין בלוט ווערט פאר גאסין ווערין פון אייערע אונטער טאנען · נור צו ליב אייער אונשלום ווערט ער פון איך מיט שווערע צינזין איין גימאנט ווערין · יונגעם בלוט · שפארט אייער גוטם.

וכדברה נתנה את קולה בבכי) אונ ריידענדיק אזו האט זיא זיך שרעקליך פארנאנדער גיוויינט אונ האט זיך גיוואונשין בעסער צו זיין מיט איר מאן אין קבר אלם מיט איהרע קינדער אין גאלדענע פאלאצין צו זיין וואו איינער ווערט אויף לויערין דעם אנדערין צו מארדין אונ צו טויטין :

דיזע רייד פון דער מוטער וואס וואר צו גאסין אין וויינען אונ גידעקט אין טרויער · האט זייער שטארקט גיווירקט אויף ביידע קינדער · זייערע הערצער ווארען גערירט · גרויסע טראפענם טרערין זיינען ארוים גיפאלין פון זייערע אויגין אונ זייערע שווערד זיינען ארוים גיפאלין פון זייערע הענד" פרידע זייא מיט דיר "האט זיך

אפ



אפ גירופין דר אהוד צו דעם עשהאל · פון יעצט אן וויל איך מיט דיר ברידערליך לעבין · אונ פאר געסין אלעם וואש גישעהען ביז אהער ,אונ דאש גלייבין איך אויך, האט אים אפ גיענטפערט זיין ברודער עשהאל · איך בין ניט ווייניגער מענשליך · אונ פריינדליך אלם דוא ביזט · אונ העטע איך גיוואוסט דאש עם קען נור זיין א רייד פון שלום וואלט איך גיוועזין דער ערשטער גיוועזין וואש וואלט דעם פרידין אן גיבאטין ,נון פון היינט אן, האט זיך אפ גירופין אהוד זאלין מיר ביידע אונזער מוטער גיהארכין כל זמן זיא וועט לעבין · ווען מיר האבין זיך ביידע פאר איינט וועלקומיר אונזר לאנד אונ אונזער שטאם שיצין · אונ היילין דיא וואונדין וועלכע מיר האבין איר מיט אונזער אום פרידין ביז אהער גישלאגין · אונ אזו זאל אונז מעהר קיין זאך אין דער וועלט ענטצווייען (אונ איניג מאכין) · מיר וועלין איצונד ביידע גיהארכין אונ פאלגין די מוטר אונ שפעטער ביידע וויא איין גייסט אין צוויא קערפער הערשין אונ רעגירין · דאש מיר זאלין זיין א ביישפיל פון פרידין · ביא דיא אראבער אונ ביא דיא אידין :

ובדברו) אונ אזו ריידענדיק זיינען זייא ארייון גיפאלין איינער דעם אנדערין אין די ארעמס · אונ האבין זיך צו קוסט אונ גוויינט אונ האבין איבער גיבעטין דיא מוטער · אונ זיינען גיפאלין פאר איר אויף דיא קניא אונ האבין איר צו גישווארין אייביגע טרייאשאפט אונ ליבע · נון וואר דיא מוטער העכסט ערפרייט אונ גליקליך · אונ האט גימאכט צוא ליב דעם אגרויסין סאלציים אונ עם וואר ין איין גילאדין דיא גרעסטע לייט · אונ עם וואר דארט פריידין איבער פריידין :

ויהי) אונ עם וואר וויא זייא זיצין-דא צוא זאמען אונ עסין אונ טרינקען אונ ווארין זייער לוסטיג · איז ארייין גיקומען איין האסטיגער קורייער אונ האט אהוד דעם איין גיראכט אין אויער אפאר ווערטער · דאש דיזער יונגער מאן איז גיווארין דורך דעם פלא שמחה אונ גאר לעבעדיג · האט אקום גיטאן דיזעם פעלד

יענער

יענער אונ האט אים דער לאנגט דער צוא נאך אגרוישין בעכער
חויין · אונ וויא נור מען האט אפ גישפייזט · איז ער אהיין צוא
דער מוטער · אונ האט ביא איר גיבעטין ערלויבענים אויף
איינע שטונדין אוועק צוא רייטין מיט דיזעם פעלד יעגער „וואו
הין מיין קינד אזו גישווינד, האט זיך דיא מוטער צוא אים אפ
גירופין · עס איז דאך היינט אונזער ערסטער פריידין טאג · אונ
ווארום זאלשט דוא זיך אזו גיך פון אונז שיידין · אונ ביינעם
ברודער אויש מיידין „ניין מיינע ליבע מוטער, האט זיך דער
אחוד צוא איר אפ גירופין · ניין איך מיין ניט דער מיט מייגעם
ברודער צוא מיידין · ניין · ער בלייבט מיר ליב אויף איבינ
אונ איטער · אונ אונזערע פריינדשאפט ווערט זיך ניט אויש לאזין
קיין מאל אונ נימער · איך שייד מיך איצונד פון אים מיט גרויש
לייד · דאך אבער נור אום צוא קומען צוריק מיט גרויש פרייד ·
דען וויא איך זעה איין איז דיזער טאג באשטימט צוא בלייבין
באריהמט אין אונזער גאנצין לעבין דורך דעם גרוישין שאץ וואש
ער ווערט דיר באלד געבין · דאך אבער וויל איך דיר איצונד
ניט זאגין · ביז איך וועל דיר עס בריינגען צוא טראגין · דען
דורך דעם פאר שווייגין · ווערט דיין פרייד נאך מעהר שטייגין · איך
נוא מיין קינד ציהע אין פרידין "האט זיא אים גיענטפערט, דאך
דיין ברודער זאל ניט ווערין פון דיר געמידין„ "ניין ליבע מוטער
איך וויל אים דיא האנד געבין · אונ וועל מיך פון אים ברידערליך
שיידין · האט ער איר גיענטפערט,· אונ האט זיך באלד מיט דעם
ברודער צוא קוסט אונ האט אים פאר שפראכין אום גיזאמט ווידער
צוא נקומען · אונ צוא צפרייען זיך מיט אים ווייטער אין דיאזאל
ארעמם פון זייער מוטער · אונ ווערט אים באלד איינע זייער
פריילבע נייעם בריינגען :

אחוד נסע) דער אחוד איז אוועק גיריטין מיט דעם קוריער
אונ דער עשהאל איז גיבליבין אין דעם גרוישין זאל אונ איז זיך
אום גיגאנגען הין אונ הער זייער פאר טראכט אונ זייער פאר'ען

טיפט



טיפט וויא איינער וואש זיין קאפ איז בעלאסטעט מיט גרויסע
זארגין „איך גלויב, האט זיך אפ גירופין צוא אים איין גיוויסער
עובדיה וואש וואר דער אויף זעהער איבער דיזעם פירסטליכע
הויז · אונ וואר איין בראווער פרידליכער מאן · אונ איין טרייער
דינער פון זייער פאטער אונ איצונד פון זייא ביידין · איך גלויב
דאש דוא מוזט וואש שלעכטעס איבער דיינעם ברודער דיינקען ·
דוא מיינסט געוויס דאש זיין וועק רייטין איצונד איז גיוויס פון איין
וויכטיקייט · אונ דער קוריער האט אים וואש פאליטעשעס גיבראכט
נון ביזט דוא וועגין איינע ביין פרידען ווידער באזארגט · ניין
מיין ליבער פירסט · איך קאן דיין ברודער אהוד בעסער אלם דוא ·
אהוד איז ניט ווייניגער ערליך אלם עשהאל · זיין הערץ איז גוט ·
אונ זיין ווארט איז הייליג · דיינק פון אים קיין שלעכטעס · ווער
נור עלטער מיט עטליכע שטונדין · וועלין אלע דיינע זארגין וויא
איין נאכט טרוים ווערין פאר שוואונדין · נון קריינק ניט דיין
מוטער · אונ צייג זיך פאר איר וויא איין זון אגימטער :

— — ויעק) דא האט אים עשהאל גיענטפערט : ניין מיין בעסטער
פריינד · מיין ברודער איז מיר צוא טייער אונ צוא הייליג דאש
איך זאל פון אים וואש שלעכטעס דיינקען · אונזער פרידין איז
זעכט וויא איין מויער אונ ניט אויך אייז געגרינדעט איך גלויבע
דאש זיין צוריק קומען ווערט אונז אלעמען וואול באקומען · עס
ואונדערט מיך אבער אויף דיך דאש דוא האשט מיינע צוא
צראגענהייט קוים ערסט היינט באמערקט · אונ איך בין שוין אלץ
אום רוהיג פון איינינע מאנאטין · אונ ווייל שוין דוא איין
שפריכבט מיט מיר דאריבער · אונ מיין הערץ איז פול מיט
ידאנקען, דאש זיא קען עס קוים ערטראגין · נון זיי דו איין פאר
טוויגענער מאן (סאקרעטנער) דער ערסטער וועלכין איך ווער עס
זים טיילין · אונ זיך ערגיסען · איך בין דיר מודה דאש מיין הערץ
זיז ריין פון ברודער האס · עס בעאונרוהיגט מיר נור דיא ליבע
איך בין פאר ליבט אין איין געוויסעם מיידכען וואש האט ניט

LOVE

איר

איר גלייכן · אין אלע רייכן.·(מלוכות) אונ אזו ליבט זיא מיך אויך
נור ווייל איך בין איר גיפעלן אונ נים ווייל איך בין איין פירסט
דען זיא ווייס גאר נים ווער איך בין · נון קען איך מיר גאר גים
פאר שטעלין וויא ווערט עס איר פארט זיין צוא מוט בשעת איך
וועל איר אין דיזע פאלאצין ברייננען · אונ ווער איר פאר מיינער
פירסטליכע מוטער פאר שטעלין וועלכע עס וועט איר שיינעם
ווייסין שטערין מיט איינע בורלאנטענע קריינדעלצירען · אונ אירע
שיינע גרייזלען (לאקען) מיט ווייסע שניר פון אורלאנער פעריל
דורך פלעכטען · א מעכטע דאן דיזע גליקליכע דיזע פריידין
איבער לעבין זקענען · אונ איך זאל קענען אויש האלטין דיזע
גרויסין נחת וואש איך וועל דאן דער בייא האבין · אונ דאש
מיין איך עס זאל עס נאך היינט גישעהען · אונ דאהער איצונד
איז אזו מיין טראכטין אונ מיין דאכטין :

ואיפה) ,אונ וואו האשט דוא זיא באקומען צוא זעהען,
האט אים דער עובדיהו גיפרעגט · ,עס איז שוין פינף חדשים,
האט זיך דער עשהאל צוא אים אפ גירופין · ,עס האט נאך דא
אונזער פאטער דער מעכטינער גילעבט · אונ אונזער קריג אונ
פיינדשאפט וואר נאך וויא איינע גיפרעסטע פלאמע איין גישפארן
אין אונזערע הערצער · האב איך מיך דאן נור מיט יאכט (געיעג
באשעפטיגט · איך וואר דאן נור אין דיא פעלדער אין די וועלדע
מיט מיינע יעגער · אונ וואר גליקליך אלס איך האב איין הירש
גישאסין · איינעם ווילדין שווין גישטאכין · נון וואר אמאל רייטענדי
אזו דורך דעם גידיכטין וואלד האב איך אן גיטראפין אקליינ
ווייסע אינדין · נון האב איך איר אן גיהייבין צוא יאגין · זיא א
אבער אלץ פאר אויס גילאפין אונ איך נאך איר · ביז איך הא
מיין קאמפאניע פאר לארין אונ האב זיך אזו נאך איר פאר איר
אין גידיכטע קוסטעם · אונ עס וואר דארט אזו שמאל אונ קרו
דער דורך גאנג דאס איך האב גימוזט פון דעם פערד אראפ
בין נאך איר נאך גילאפין מיט דעם שפיז אין האנד. ביז
האב



האב איר אן גיטראפין ליגענדיג לעבין דיא פים פון איינער היליגע
מיידכען °) וואש האט איר גיגלעט מיט דיא הענד · אונ דיא
איינדין האט גיאטעמט זייער טיף אונ זייער שווער · אונ אלס איך
בין צוא איר צוא גינאנגען · האט מיך דאש מיידכען אן גיקוקט
מיט אירע גרויסע שווארצע אויגין גלייך אז זיא וואלט מיך אום
שוינונג ביטען · אונ : אזו האב איך איר אן גיקוקט מיט אויך
גישפארטע אויגין · אונ מיר זיינען אזו גיבליבין שטיין אגאנצע
צייט אונ האבין אלץ אזו איינער דעם אנדערין בעטראכטעט מיט
שטומע בליקין · וויא פיל דאש האט גידויערט קען איך נים וויסין
דען דיא ליבענדע ווייסין נים פון צייט אונ מאס · נור דאש ווייס
איך דאש איר שארפער בליק האט איין גידרונגען זייער טיף אין
מיינער זייל · אונ דאש וואש נאך דעם צווישין אונז וואר גישפראכין
דאש לאזט זיך נים פאר איינעם דריטין איבער דער ציילין · אונ
מיר וואלטין נאך גישטאנען ביז אהער איינער געגין דעם אנדערין
ווען איינע אלטע פאר פלוכטע פרויא וואלט נים אן הייבין דארט
פון טורעם צוא רופין צוא דעם אווינד גיבעט · דען דאן איז זיא
עס

---

°) עס איז דארט ביי יענע יודין דער מנהג דאש מאנכע
פרויען אונ מיידכען זיינען זיך פורש פון דער וועלט אונ לעבין אזו
ביי זאמען אין גרויסע מוערין וואש ווערט פאר אויש גימויערט
דארט אין דער וויסטעניא אונ פאר ברייגען זייערע טעג אין
בעטין אונ אין זינגען היליגע שירים · זייא זאגין דאש דיזער מנהג
איז ביי זייא פון בת יפתחס צייטין · דען זיא וואר דיא ערסטע
וואש האט אירע יארין פאר לעבט נאר אן אמאן · אויך זאגין
אנדערע · דאש זעלבסט אין ירושלים-ווארין אזו אהבה פרויען ·
אונ זאגין דאש איז מרומז אין דיא ווערטער ,הנשים הצובאות פתח
אהל,מועד,אונ אין דייטשער ,מראות הצובאות, אזו וויא עס וואלט
א גישטאנען ,מראות נשים הצובאות, עס איז דאריבער דעם זייער
א פיל צוא ריידין נור נים דא איז דער ארט דער פון :

VESTAL
VIRGIN

פאר שוואונדין פון מיר וויא איין נאכט גייסט אונ האב איך שוין
דאן מעהר ניט גיזעהען · „נון איז דאך איינע גרויסע זינד איינע
היילינע מידכען צוא ענטפירען, האט זיך דער עובדיה צוא אים
אפּ גירופין, זיין מיין בעסטער פריינד, האט אים עשהאל גיענטפערט ·
דיזעס קינד איזט קיינע היילינע דארט · מען האט איר נור צום
ערציהען אהין גיגעבין אונ ווייטער ניט · נון פון דאמאלס אן אונ
ווייטער האב איך קיין טאג ניט פאר פעלט צו קומען אויף יענעם
ארט · מיר פלעגין ביידע ערצילין די שטונדע אונ די מינוט
אונ אונזער בונד איז גיווארין גישלאסין אויף אימער אונ אייביג :

ובת מי היא) דאך וועמעס טאכטער איז זיא · אן וועמען
גיהערט זיא אן, האט אים דער עובדיהו גיפרעגט · איז זיא עפּעס
פון יתומי פון אדער ? „דאס ווייס איך נאך אליין ניט, האט אים
דער עשהאל גיענטפערט, דען זיא אליין ווייס אויך ניט ווער עס
זייען איהרע עלטערין · אונ ווייס נאר ניט פון וואנען זיא וואקסט
הער אוים · נאר איין איינציגער איז דא איין אלטער מאן וועלכער
ער באזוכט זיא אפט אונ זאגט דאס ער איז גישיקט צוא איר פון
איר מוטער · זאגט דאס זיא שטאמט ארויס פון אגרויסע איידעלע
פאמיליע · „נון קענסט דוא דאך פון דיזעם אלטין עפּעס מער דער
זיין · האט אים גיפרעגט דער עובדיהו, ניין דער אלטער · האט
ער גיענטפערט · וויל גאר מער קיין ווארט זאגין מער ניט דאס
אין דיזע טעג האט ער גזאגט וועט זיך שוין מיט איהרע אונגיוויסהייט
ענדין · אונ עס וועט זיך מיט איהר שטאנד זייער פיל ענדערין ·
נון וואר איך זייער באזארגט דאס דאס זאל אויף אונזער ליבע אויך
שוין ניט פיל ווירקין אונ שטערין · דאהער איזט ביי מיר גיבליבין
זיך מקדים צו זיין אונ בעצייטין איר אפּ צו נעמען פון דארט · וויא
גם האט אוים גיוויזין פון דעם אלטינס רייד וואס ער האט גירעט
מיט דער מידכען וואר זיכער דאס היינט זאל מען איר אפּ געבין
צו די איהריגען · דאהער האב איך זיא די נאכט ארוים באקומען
פון איהר ארט אונ האב איר בעהאלטין דארט אין דעם וואלד





חנה) תלג · איך האלט זיא אין איין גידיכטין ווין גארטין אין
נער טיפין הייל · עס ווייס פון איר קיינער לבד איך אליין · איך
ב איר דארט גיראזין גאנץ איינזאם אונ טרויעריג · איך קום
סט פון דארט אום דעם פרידין מיט מיינעם ברודער צו שליסען ·
יעצט נאך דעם פריידיגין מאלצייט קעהר איך שוין צו ריק צוא
דאך שוין ניט מעהר אלס איין געמיינער פר ליבטער נור אלס
ן פירסט וועל איך איצונד שוין פאר איר ערשיינען · מיט גרויס
אכט · אונ פאראדע אונ איר וועל איך אויך אוים צירין וויא
נע קיניגין · אונ וועל איר פאר שטעלין פאר מיינער מוטער אזו
עכטיג אזוא פערפוצט וויא עס פאסט פאר איינער פירסטליבע
ה · נון וויל איך פארהער זיין אויף דעם באזאר (מארק) אונ וועל
ר איר קויפין טייערע גאלדענע שטאף קליידער · שיינע זאנדאלין
אנטאפעליך) וואס זייבען אוים גינייט מיט פעריל אונ פליטער ·
ן גאלד געשטריקטער גארטיל עס זאל זיך אום איהרע לענדין דרייא
ל אום דרייען · אויף איהר קאפּ זאל איין בורלאנטענער רייף
הען · אונ ארום איהר האלדז זאלין רובינען אונ דימענטען
יהען · אונ פון פורפער איין טייערער מידער · (מאנטיל) זאל
דעקין אלע איהרע שיינע גלידער · אונ אויבין ארום איהרע
ייפין זאל זיך דרייען וויא דינע רייפען ·· פון רייזעלעך אקראנץ ·
שענסטין גלאנץ :

וכבלותו לדבר) אונ וויא ער האט עס אזו גישפראכין איז
באלד אוועק מיט זיינע טייערסטע באדינער אלע בעוואפענט
פוס אונ צו פערד · אום איין צו קויפין דיזע אלע זיבין זאכין אונ
כהער צוא ברייננען איר אהיים מיט גרוים פאראד אונ פראכט ·
לאמיר זייא לאזין ציהען אויף דעם באזאר · אונ מיר וועלין דער
יילע אקוק טאן וואס טוט זיך דארט מיט דער מידכען דארט אין
ם שטילין דונקעלין ווין גארטין וואו זיא ער ווארטעט איר
ליבטין מיט דעם גרעסטין אונגעדולד ·

דיזער גארטין וואר זייער לאנג אונ גרויס זייער געדיכט

בעוואקסין · פון איין זייט וואר דאס מעער (ים) פון דעם אנדערא
זייט האבין זיך געצויגין גרויסע בערג וואש וואהרען געצעפעט אי
אין די אנדערע · אונ דיא אבישג (אזו האט דאס מיידכען גיהיי
וואס עס איזט איר לאנג ווייליג גיווארין צו זיצין דארט אין
הייל איזט זיך ארויס אין דיזעם גארטין · אונ האט זיך א
גיקוקט פון אלע זייטין · האט זיך אפ גישטעלט אונ האט זיך
גיהארכט „ניין" האט זיא גיזאגט · עס איז קיינער · דאש רו
נור דער ווינט צווישין דיא בויכער וואש זיינען ארום פארק
אונ וואש וועט שוין דער פון זיין · עס איז שוין גאנץ שפעט ·
שטונדע איז מיר דא איין אייביגקייט אונ עס שרעקט מיך דא
זיין אליין · עס איז דא קיינעם צוא זעהען קיינעם צוא הער
פון איינער זייט הער איך וויא דאש מער קאכט · פון דעם אנדערן
זייט הער איך וויא דער וואלד רויסט · א שרעקין פון אלע זייט
איך פערליר מיך דא וויא איין בלאט וואש דער ווינט האט
גיפליגט פון בוים · ווארום האב איך פאר לאזין מיין שט
וואונונג · מיין צעלע · דארט האב איך גילעבט זייער שטיל
פרידליך · מיין גידאנקען וואר ריין וויא דער קוואל וואש
דורך איין גרינע וויזע · איך האב צוואר קיינע פריידין גיהא
אבער אויך קיינע ליידין · איך האב ניט פאר לאנגט · האב
גיוואונשין · איצונד בין איך אריין גיפאלין מיט אמאל אין
שטורעמדיקער וועלט · וויא אשטיין אין טיפין מער · האב
אן גיטרויט איינעם יונגען מאן · איך האב נור זיין שבועה גיגל
אונ האב מיר דורך דעם דיא פרידליכע רוהע בארויבט :

וכהתימה את דבריה אלה) אונ אלס זיא האט דיזע ווער
אויש גישפראכין · איז זיא גיבליבין שטיל שטיין אונ האט
איין גיהערט מיט שרעקין צוא גייט ניט ווער · אונ אלס
האט גיזעהען דאש קיינער קומט ניט האט זיא ווייטער אן גיהי
מיט זיך צו ריידין · א קום דאך שוין מיין גיליבטער · וואו בליי

דוא



אזו לאנג · ווארום זאמסט דוא דיך אזו פיל · עס גריזעט מיך
יך דיא חרטה · עס פערצערט (פרעסט אויף) מיך דער קומער ·
באפרייע מיך פון דיזעם שרעקליכין ארט · דאך ניין · איך
נקלאג מיך אום זיסט · איך האב דיזע ליידין זעלבסט פאר דינט ·
ך האב מיך צוא פיל גיוואגט צוא דער ווייטערין פון מיין שטילין
ט בשעת עס וואר דיא גרויסע פאראדע פון דעם פירסטענס
גרעבעניס דארט אין דער פירסטליכע הייל · איך האב מיך
ן מיינע ערציהערין אפ גינאנבעט אויף אפאר שטונדין אום צוא
הן די פירסטליכע בעגלייטונג · די הספדים דארט אונטין אין דעם
מענירטען הייל · אונ דאן האט מיך דארט איין פרעמדער יינגלינג
הוד) אן גיקוקט מיט זיינע פלאמענדע בליקין · ער האט טיף
ן מיינעם הערצין אריין גיזעהען · ער האט מיט זיינע ברענענדע
יגין מיין בלוט אן גיצונדין · מיין ברוסט דאן פאר שמיילעט ·
ן מיין זייל צוא גיבאקין · א איין ציטערין ערגרייפט מיך בייא
זעם גידאנקען · וויא אום רעכט וואר עס דאן פון מיר · אריין
א מישין זיך צווישין אום באקאנטע מענטשין · איך בין איינע
דערין · מיט וועלכע אויגין וועדע איך שוין מיינע ערסטין
יבטין קענען אן זעהען יזייענדיק בעוואוסט בייא זיך דיזע
רעקליכע שולד :

ויהי בעודה נשפטה את נפשה) אונ עס וואר אלס זיא
שפעט דא אלץ זיך אליין · האט זיא אן גיהייבין צוא הערין
נשליכע שטימען איז זיא שוין פיל פריידליכער גיווארין אונ
ט אן גיהייבין צוא שרייען · ניין איך בין נאך קיינע פאר
סענע · מיין רעכטער אונ עכטער גיליבטער · קומט אונ גייט ·
ן איז גילאפין נעגין דעם טויער פון גארטין מיט אויש גיברייטעטע
עמם · דאך אבער אן שטאדט דעם עשהאל איזט גאר גיקומען
טקעגין דער אהוד · דען ער וואר עס וואס האט איר גיזעהען
יא דער קבורה פון זיין פאטער · אונ אזו זיא איהם אונ זייגען
ך איינאנדער גיפעלין · אונ ער איז עס דער יינגלינג פון וועלכין

זיא

זיא האט דא ניט לאנג גישפראכין · אונ האט חרטה גיהאט או
איר ליבע צו אים · ער אבער וואר נאך אין איר מעהר פאר ליב
אונ איז איר גיקומען אום אפ צוא נעמען זיא צו זיך אין פאלא
זיין קוריער איז גיגאנגען פאר אוים · אונ נאך אים איז גיגאנ
אהוד מיט זיינע אפיצירען אונ רייטער · מיט פויקין אונ פייפע
מיט פאנען אונ שטאלקארצען (פאקעלען) :

ויהי) אונ עס וואר וויא דיא אבישג האט עס דער זעהען ה
זיא זיך זייער דער שראקין אונ האט אן גיהייבין צוא ציהען
צוריק „א מיינע טייערע שוינהייט„ האט זיך אהוד צוא איר
גירופין · שרעק דיך ניט · עס איז קיין רויבער נור דיין עכטער
רעכטער ליב האבער · אונ האט זיך באלד אום גיווענדעט
זיינע לייט אונ האט צוא זייא גיזאגט · עס קען זיין דאש איי
גיוועהר שרעקט זיא · דאהער שטעלט אייך אפ אן אזייט · אונ
נאך האט ער צוא איר ווייטער גיזאגט · א שרעק דיך ניט
וועט דיר קיין לייד גישעהען · עס רעדט מיט דיר דיין פר
דיין באשיצער · נון זאג מיר דוא געטליבעס קינד וואו וואר
דוא דיא גאנצע צייט · איך האב דיך גינוג גיזוכט גינוג גיפארש
דען וואכענד אונ טרוימענד ווארסט דו נור מיין איינציגעס גידאנ
זינד איך האב דיך בייא דער קבורה פון דעם פירסטען גיזעה
אונ אזו וואר דיר גיוויס דאן אויך באקאנט וויא ווייט דוא הא
מיך מיט דיינע בליקין באצוואונגען · דען דוא האסט עס ל
גיקענט פאר שטיין פון מיינע פלאמענדע אויגין · פון ד
שטאמעלען מיט מיינע ליפין · פון דעם ציטערין פון מיין ה
וואש איז גילעגין אין דיינער האנד · קיינע דייטליכערע ערקלע
האב איך דיר דאן אין דיזעם הייליגין ארט ניט גיקענט מא
באלד נאך דעם האב איך גימוזט דיא זיבין טרויער טעג צו ה
פאר בלייבין · אונ נאך דעם האב איך דיך גילאזט אויף זוכין
אלע שטעלין · אין דיא שולין · אונ אין אלע הייליגע ערטער
מיינע פיסקאלען האבין דיך דא הער אוים גיפונען · נון האב
דיך



ווידר · אונ גיבער וועט זיך שיידין מיין זייל פון מיין קערפער
איך זאל דיר דא איצונד פאר לאזין : אלע מיינע אפיצירען
זאלדאטין זיינען עדות דאש איך נעם דיך פאר איין ווייב
אימער אונ אייביג · אונ וועל מיט דיר טיילין מיין גליק אונ
געשיק :

אבישג שמעה) די אבישג האט עס דער הערט אונ האט אן
הייבין צוא ציטערין וויא איין לינדען בלאט אין איינעם שטורעם ·
האט איר גיזיכט אפ גיווענדעט · אונ וואר אלין העכסט צוא
ראקין : אונ דער אהוד האט איר אן גינומען פאר דער האנט
האט צוא איר ווייטער גיזאגט · איך וויל גאר ניט פרעגין בייא
פון וועלכע משפחה דוא ביזט · דען איך מיין נור דיך · אונ
דיין יחוס · נור גלאט איך גלויב דאש דיין געבירט איז אזו ריין
וויא דיין גיזיכט איז שיין · אונ ווען דוא ווילסט וויסין ווער איך
אונ צוא האב איך ארעה איבער זיך · אויש צוא ווייזין פאר
פרויא וועלכע מיידכען איך זיל · וועל איך דיר זאגין נור מיין
אמען אונ דאן וועסט דוא שוין גיוויס זיין בייא זיך זיכער דאש
וארט פאר נעמט איין ארט · מיך רופט מען אהוד הגדעוני ·
אר מיר איז קיינער גרעסער אין דיזעם גאנצין שטאם (שבט) ·
קוים האט עס אבישג דער הערט האט זיא גיטאן אשפרונג
אהינטער · „נוא פאר ציהע עס מיר„ האט ער זיך צוא איר אפ
גירופין · מיין גרויסער נאמען שרעק דיך · אזו אין עס דער מענטש
קען קיין אום גליק אונ קיין גליק רוהיג פאר נעמען · נון וועל איך
דיך אויף איין קליינע צייט לאזין אליין דאמיט דוא זאלסט צוא
זיך קומען · אונ דאן וועל איך דיך באלד אהיים פירין מיט גיזאנג
אונ קלאנג · צום אייביגין גליק אונ צוא אייביגער עהרע · אונ איז
זיך אזו מיט זיינע לייט אוועק גיגאנגען :

והיא) אונ דיא אבישג וואש איז גיבליבין אליין · האט אן
גיהייבין איבר נייעם זיך צוא באדויערין אונ צוא באקלאגין „ווייהע
מיר„ האט זיא גיזאגט · אין וועלכע הענד בין איך דא אריין
גיפאלין

גיפֿאַלין ׃ אַ בעסער וואָלט איך אָן גיקומען צוא דעם נידעריגסטען איר ״יא״ האט זיך אפ גירופין עשהאל ׃ איך גידיינק אַלס פון אונזער שטאם אַלס צוא איינעם פון דיזע פירסטען ׃ פון מיינע וואר נאך אַקינד ׃ האט מען גיזאגט דאש איינע שוועסטער וואר קינדהייט גיט מיר איין שווידערין אריבער איבער דעם לייב אַנז גיבאָהרין אונ איז באַלד נאך איר גיבורט גישטאָרבין ״ניין מיין איך העהר זייערע נעמען רופענדיק ׃ דען זייא האַסין זיך אים״ האט זיך אפ גירופין די מוטעריזיא לעבט נאך איצונד אויך ״אונ איינער דעם אַנדערין ׃ אונ אַזו האָבין זיך גיהאַסט אַמאָל ווייַארום האָסט דוא פון איר ביז אַהער גישוויגין״ האט איר אַהוד עלטערין ׃ אונ דאָש לאַנד ליידעט צוא ליב זייא שוין פון פֿרעגט ״נון וועל איך אייך דער פון אויך דער ציילין״ האט זיך דיינקליכען יאַרין ׃ נון האט מיך מיין אום גליק אין זייער פאמיליע גירופין דיא מוטער ׃ אַלס איר זייט נאך קינדער גיוועזן אונ אַריין גידרייט ׃ אוי מיך שרעקט דער גידאַנקען דאש איך זין איינער דעם אַנדערין אין דיא האר גילעגין (שונאים געוועזן איינע פֿרויא פון זייא איינעם ווערין ׃ זיא וואָלט גערין אַנטלייפֿין מיר אייערע טייערע עלטערין וואַרין העכסט בעזאָרגט דער פון עס זייגען גישטאַנען אבער אהודס וואַכין ארום דעם גאָרטין גיוואָפֿאַם זיך דאַן אייער פאַטער איין זעלטענער טרוים זיך געטרייםט׃ מיט בלויזע שווערד אונ מיט שפיזין ׃ ב האט זיך אים גידוכט דאס פון אונזער התונה בעט האבין ארוים

